NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01471

FETER SHNEYER

Moshe Broderzon

Permanent preservation of this book was made possible
by Harris A. Platt
in memory of
his uncle, Maurice Edwin Platt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

משה בראָדערזאָן

פעטער שנייער

(איינאַקטער)

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1928

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO

M. Broderzon

D z i a d ś n i e ż n y

(jednoaktówka)

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

משה בראָדערזאָן

„ערד און הימל שטייען קלאָר,
„מער נישט ראָבן שוואַרצע נאָר
„פליען אום אין מיטן:
„זאָגן אָן אויף יעדן אָרט,
„אַז דער פעטער שנייער פאָרט
„אויף זיין גרויסן שליטן".

דוד איינהארן

אַ שטיקל שיטערער וואַלד – אויף אַ גרויסן גרונט. צווישן פיר שניי־באַדעקטע דינע ביימלעך שטייט אַ קליינער ווייסער מלכות־שטול, איבערגעדעקט מיט ווייסע פעלן. דער שטול שטייט אויף אַ דערהויבונג, צו וועלכער עס פירן עטלעכע טרעפלעך. אויף דידאָזיקע טרעפלעך – פון ביידע זייטן – שטייען קראָען־פאָרלעך און פאָכן מיט די שוואַרצע פליגלען.

אָנטיילנעמער:

דער פעטער שנייער – אַן איינגעהויקערטער אַלטיטשקער. זיין באָרד און די האָר פון קאָפ ציען זיך ביז צו דער ערד. האָט אַ שאַרף דין קעלעכל.

די ראָבן.

מאירל קונדעס.

העזעלע נעזעלע – אַרום און אַרום אַ ווייסינקער.

זילבערנע גלעקעלעך

די ווינטער־ווינטן.

די ווינטער־ווינטן:

(נישט געזעענע זינגען:)

ווו — ווו — ווו — ווו –

איז נישטאָ קיין שנייען?

ווו — ווו — ווו — ווו —

ווען מיר פאַרווייען...

ווו — ווו — ווו — ווו —

האָבן מיר פאַרמיטן?...

ווו — ווו — ווו — ווו —

וועלן מיר פאַרשיטן...

ווו — ווו — זוו — ווו

זיינען שוואַרצע פלעקן?

ווו — ווו — ווו — ווו —

וועל'מיר זיי פאַרדעקן...

ווו — ווו — ווו — דוו?

שוואַרצקייט דורכגעלאָזן?

ווו — ווו — ווו — ווו

דאַרפן מיר פאַרבלאָזן?

די ראָבן: (הייבן זיך אָן צו באַוועגן פון אָרט

און צו פאטשן מיט די פליגלען).

קראַקע – קראַקע – קראַקעריי!
ס'קומט שוין אָן דער ווינטער
מיט אַ פראָסט-גערקנאַקעריי,
ווייסע זיידן שפינט ער.
קראַ – קראַ – קראַ.
קראַקע – קראַקע – קראַקעריי!
ווערן הימלען שטאַרע,
אויף דער וועלט און אויף דער פריי
פאַרט אַ נייער פּרעה,
קראַ – קראַ – קראַ!
קראַקע – קראַקע – קראַקעריי!
צו דער ווייסער טהרה
פאַרט אַן אויח שפּאָגל-ניי –
מאַכט פאַר אים אַ וואַרע!
קראַ – קראַ – קראַ!
קראַקע – קראַקע – קראַקעריי,
זאַווערוכע-דרייער!
באַלד וועט זיין אַ קלינגעריי:
ס'פאָרט דער פעטער שנייער!
קראַ – קראַ – קראַ!

(עס ווערט אַ ווײלע שטיל. עס הערט זיך אַ ווײ-טער סקריפּען פון אַ שליטן – און עס שפּרינגען אַרויס – פאַר די הענט געגומען – אַ מחנה זילבערנע גלעקעלעך).

די זילבערנע גלעקעלעך:
(געזאַנג אין באַלעט).

ס'פּאַרט דער פעטער שנייער!
קלינגען מיר אַפריער —
קלינגען מיר און זינגען מיר,
פאַר דעם שליטן שפּרינגען מיר,
קלינגען מיר אַפריער:

רעפרען
דין — גין — דאָן,
דין — גין — דאָן,
שניי צו פאַלן
הייבט שוין אָן,
דין — גין — דאָן,
דין — גין — דאָן,
לאָמיר איצטער
אונדזערס טאָן!
דין — גין — דאָן,
דין — גין — דאָן,
ס'שיט זיך שניי,
ווי ווייסער מאָן!

ס'פאָרט דער אַלטער פעטער
און מיט שנייען גלעט ער,
מיט די ווייסע בלעטעלעך
דערפעלעך און שטעטעלעך

מיט די שנייען גלעט ער.
(רעפרען)

פֿאַלט ער, פֿאַלט ווי שטערן
אויף דעם אייז דעם שווערן,
פֿליט ער אום און פֿליטערט ער,
פֿלאַטערט ער און ציטערט ער
קומט ער נייט צו הערן!
(רעפרען)

אין א סויבל־היטל
זיצט ער אויף זיין שליטל,
אויף זיין זילבער־שליטעלע,
פֿאָכעט מיט אַ ריטעלע,
מיט א פּראָסטיק ריטל!
(רעפרען)

די ווינטן: (נישט געזעגנע).
ווו — ווו — ווו — ווו —
דאַרף מען עס פֿאַרקערן?
ווו — ווו — ווו — ווו —
ווו איז דיין באַנערן?
פעטער שנייער: (נישט געזעגנערהייט).
נו — נו — נו — נו —
וואָס זענט איר פֿאַרצאָרנט?

נו — נו — נו — נו —
פאָרנט — פאָרן — פאָרנט!
די ווינטן:
ווו — ווו — ווו — ווו?
ווי דער האַר וועט וועלן!
ווו — ווו — ווו — ווו —
ווו דו וועסט באַפעלן...
פעטער שנייער:
נו — נו — נו — נו!
טוט ווי מיר ט׳געפעלן!
(פאָרט אריין אויף א גישט געשפאנטן הויכן שליטן. שטעלט אים אפ).
טפּרו — פּרו — פּרו — פּרו!
דאָ וועל איך זיך שטעלן!
(גייט אראפ פון שליטן און ווענדט זיך אין דער ריכטונג פונם מלכות־שטול—באַגעגענען אים די ראָבן).
די ראָבן:
קראַקע — קראַקע — קראַקעריי!
גוטן־ווינטער, פעטער!
פעטער שנייער — הַלְוַאי
זיין זאָלסטו אַ בעטער!
קראַ — קראַ — קראַ!
קראַקע — קראַקע — קראַקעריי!
זאָלסטו לאַנג אונדז ווייען

און די ערד אונדז אויפדאָסניי
אויסבעטן מיט שנייען!
קראַ – קראַ – קראַ!
קראַקע – קראַקע – קראַקעריי!
הער די קראַקערייען!
הער אונדז – דיינע דינער טריי –
וועסטו אונדז פאַרדייען

דער פעטער:

סיי ווי סיי! אוי, סיי ווי סיי!
טו איך אַלץ וואָס מיגלעך:
אויפגעווינט די וואָלקנס פריי
האָב איך אין די וויגלעך...
כ'האָב געטאָן אַ טרייסל זיי –
איז עס מיר געראָטן,
איז אַ־זוים אַ ווייסער שניי –
און אַהער געשאָטן!
אָנגעשאָטן איבער ברעג,
אויסגעשיט אינגאַנצן,
טוט עס איצט אויף יעדן וועג
שניי אַצינדער גלאַנצן...
מיינען אַלע – ס'פינקלט בלאַנק,
מיינט מסתמא נישט איינער –
זייערטוועגן אַ געשאַנק
זענען איידלשטיינער... –

דימענטן אין בלאנקן שניי
האָבן טויזנט חנען...
מיינען — שטיינער זעען זיי,
מילא — זאָל מען מיינען...
מילא — שיט זיך אָן אַ צאָל...
מיטאַמאָל — אין מיטן —
פליטער־שפּליטערלעך קרישטאָל
שיט זיך... זאָל זיך שיטן!

די ראָבן:

קראַקע — קראַקע — קראַקעריי!
ווילי מיר טאַקע הערן,
ס'איז אונדז וויסן דאָך כדאַי,
וואָס פון דעם וועט ווערן?
קראַ — קראַ — קראַ!

דער פעטער שנייער:

וואָס וועט ווערן — אָט אַ נייס!
ס'לוינט זיך נישט צו זאָרגן!
און ס'וועט ליכטיק זיין און ווייס
היינט און אפשר מאָרגן...

(עס לויפן אריין די זילבערנע גלעקעלעך און, ווען דער פעטער שנייער זעצט זיך אויף זיין שטול, טאַנצן זיי פאר אים).

די זילבערנע גלעקעלעך:

דין — גין — דאָן!

דין - גין - דאָן!
שנײ צו פאַלן
הײבט שוין אָן!
דין - גין - דאָן,
דין - גין - דאָן,
ס׳שיט װיד שנײ,
װי װײטער מאָן!
דין - גין - דאָן!
דין - גין - דאָן!
לאָמיר איצטער
אונדזערס טאָן!

דער פעטער שנײער:

כ׳זין שוין, זעט איר, אױבנאָן,
װאָס׳ט איר מיר דערצײלן?
בין איך איצט אַ פאָן־באַראָן,
כ׳טו דעם שנײ צעטײלן...
אוצרות גאַנצע האָב איך שנײ,
איך - דער פעטער שנײער.
כ׳ציל נישט קײנמאָל אײנס און צװײ,
כ׳מעסט נישט פאַר אַ צװײער.
זײער בין איך אױפגעלײגט!
איר זשע זײגט צעטראָגן -
װאָס׳ט איר זיך פאַר מיר פאַרנײגט?
װאָס זשע װילט איר זאָגן?

די זיבערנע גלעקעלעך:

האָבן מיר געשפּרונגען,
האָבן מיר געקלונגען...
זעען מיר אַ קלייניגקער,
זעען מיר אַ שייניגקער
העזל איז געשפּרונגען...

(רעפרען).

און נאָך אים אָן אָטעם
נאָכגעלאָפן האָט אים
אַרויסגעשטעקט דעם צינגעלע
אַ יינגעלע, אַ יינגעלע
נאָכגעלאָפן האָט אים...

(רעפרען).

האָבן מיר זיי ביידן
אין דעם שניי=גן=ערן
אָט מיט אונדזער קלינגעלען
העזעלען און יינגעלען
דאָ געבראַכט זיי ביידן!

(רעפרען).

דער פעטער שנייער (שטייט אויף)

אַך, וואָס זילבער=שטאַמלער קאָנען!
טאָג ווי נאַכט נאָר דין-גין-דאָנען,
וואָס איז פאַר אַ שטאַט?!

פירט אַריין די צוויי פאַרשווינען –
וועל איך ביידן זיי באַלוינען!
כּיד המלך... שאַ-אַ-ט!

(די זילבער-גלעקעלעך לויפן ארויס און ברענגען תיכף אריין מאירקען און העזעלען. העזעלע ציט זיך דערשראָקן אויף צוריק און באַוועגט מיט די לאַנגע אויערן. מאירקע קונדס גייט צו דרייסט צום פעטער שנייערס געזעס).

מאירקע:

כ'האָב דעם כּבוד אייך צו זען איצט,
ווי איר קיניגט איבער שניי...

(פעטער שנייער געגעצט)

ווי איר קיניגט און איר גענעצט
איבער שנייען אומבאַגרענעצט...

פעטער שנייער:

דאָס אָט זיינען זיי די צוויי?...

מאירקע:

כ'האָב דאָס גליק זיך פאָרצושטעלן
ווי איך שטיי איצט, ווי איך גיי!
און איך האָף – איך וועל געפעלן
אייער דורכלויכט, אייך דעם העלן...

פעטער שנייער:

כ'בין דער הערשער פונם שניי!
הייסן הייס איך פעטער שנייער,
און נאָר ווינטער-צייט איך גיי...

מאירקע:
איך זשע, זעט איר, היים ר' מאיר,
כ'בין אַ גרויסער קונדס זייער!
פעטער שנייער:
ווי איז מיר! אוי ווי! אוי ווי!
ביסטו, הייסט עס, יענער שייגעץ,
וואָס קאַטאָוועסן נאָר מאַכט
וואָס ער מאַכט פון שניי אַ שניי-געץ
אַך, דו שטיפער! אַך, דו שייגעץ!
מאירקע:
זענט נישט, פעטער, אויפגעבראַכט,
זייט אַ גוטער פיינער אָדון
מיט דעם אידל-שיינעם שם,
כ'בין געקומען זיך צו לאָדן
נישט מכח שטרודל-פלאָדן...
מיט דעם פּחדן אָט אָ דעם!
(ווייזט אָן אויף דעם העזל.)
פעטער שנייער:
וואָס אַזוינס איז דען געוועזן,
וואָס אַזוינס האָט דען פּאַסירט?
העזעלע-נעזעלע
קוים אַרויס פון אים גענעזן!
מאירקע:
העזל מאַכט פון אַלץ אַ וועזן!...

העזעלע־נעזעלע

מאַירקע האָט מיך פאַרפירט...
איך האָב אים מסתם געפאָלן,
האָט ער מיך צוגעזיך געפירט
און געוואָלט די האָר מיר גאָלן
און אין נעזל מיך געשנאָלן...
האָב איך דעמאָלט שיער קראַפירט...

מאַירקע:

ס'איז אַ ליגן! ס'איז אַ ליגן...
ס'איז אינגאַנצן אויסגעטראַכט,
כ'האָב געזען אין שניי אים ליגן –
כ'האָב געוואָלט זיין פיעלכל קריגן...
כ'וואָלט אַ היטל זיך געמאַכט!

די ראָבן:

קראַקע – קראַקע – קראַקעריי!
קראַקע! ס'אַרא נייע נייסן!?
טאַקע? איינס און צוויי און דריי –
דאַרף מען אים אַריינצושמייסן!
קראַ – קראָ – קראַ!

די זילבערנע גלעקעלעך.

פעטער, פעטער שניעער!
גיב אַ טראַכט אַפריער!
איידער וועסט אים פסק'ענען

מיטן פּאַסיק פּאַסקענען,
פּעטער, פּעטער שנייער!

(דערפרען.)

העזעלע-נעזעלע

איך בין העזל פלינקער שפּרינגער,
וואָלט איך אָסור זיך געלאָזן,
כ'וואָלט אים ווייזן, ווי די האָזן —
נאָר אַ כאַפּ מיט פינף מיט פינגער!
כ'וואָלט אים ווייזן האָזן-אופן...
ער זאָל האָבן צו געדענקען...
זאָל אים פּעטער שנייער שענקען...
איך בין מוחל — זאָל ער לויפן...

מאירקע:

זעט נאָר! זעט נאָר! ס'אַראַ גבור!
ס'אַר אַ פּיסקל ס'אַר אַ זיסער!
כאַ — כאַ — כאַ! אַ פלאָקנשיסער!
גומל בענטש, וואָס כ'לאָז דיר איבער!
ליבער טראָג זיך אָפּעט גיכער —
גיי אַוועק פון מיינע אויגן!
שנעלער, גיכער — אָפּגעצויגן!
ווייל איך בין... מיט זיך ניט זיכער!...

פּעטער שנייער (הייבט אויף זיין ריטל.)

שאַט! געגוג זיך שוין צו קריגן!

לויפט אַוועק געזונטערהייט!
אינם שניי – אַ פאַרגעניגן!
נו, שוין! נו, שוין! גייט שוין, גייט!
האָט איר שניי – וואָס דאַרף מען מערער?
ס'איז אַ ווייסקייט! ס'איז אַ פרייד!
דאַרף מען ליכטיקער און קלערער!
נו, שוין! נו, שוין! - גייט שוין, גייט!

מאירקע און העזעלע:

שיינעם דאַנק איך, ליבער פעטער!
אמת, איר זענט דער גערעכטער!
קיינער איז פון אונדז קיין שלעכטער
האָט אַ גוטן שליטוועגס, פעטער!
און אַ ליכטיק־לינדן וועטער...
פעטער שנייער, שיט די שנייען!
אָט מיר לויפן! אָט מיר גייען!
שיינעם דאַנק איך, ליבער פעטער!

(ביידע צוקושן זיך און לויפן אוועק אין פארשיידענע זייטן. דער פעטער שנייער נעמט ארויס פון זיינע קעשענעס הויפנס שניי און שיט אין אלע פיר זייטן, דערנאָך זעצט ער זיך אריין אין זיין שליטן, און די אומזיכטבארע ווינטן הייבן אן:)

די ווינטן:

ווו – ווו – ווו – ווו!–
וויל דער האַר איצט פאָרן?

ד ע ר פ ע ט ע ר ש נ י י ע ר: (שוין אין שליטן)

נו – נו – נו – נו –

אינם שניי דעם קלאָרן...

(ד י ג ל ע ק ע ל ע ך הייבן אָן צו קלינגען און צו זינגען זייער רעפרען, און טאַנצנדיק פאַרשווינדן זיי.)

ד י ו ו י נ ט ן: (שטאַרקער)

ווו – ווו – ווו – ווו –

ווו אַצינדערט יאָגן?

ד ע ר פ ע ט ע ר ש נ י י ע ר:

נו – נו – נו – נו –

שפּעטער וועל איך זאָגן!

נו!

(דער שליטן רייסט זיך אָפּ פון אָרט און אַנטרינט, ס׳בלייבן איבער נאָר די ראָבן, וואָס זינגען און היפּערן אויפן פרישן שניי)

ד י ר אָ ב ן:

קראַקע – קראַקע – קראַקעריי!

אָט אַ וועלט אַ נייע!

אַ מחיה – אין אַ רײַ

טאַנצן מיר! אַ ראיה:

קראַ – קראַ – קראַ!

(היפּערן אונטערן טאַקט פון דער מוזיק)

פ אָ ר ה אַ נ ג